

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

נח
תשפ"ב לפ"ק
גליון ז"ב

## שאלה

**אויב ארומפארן, ארויסגיין עסן אין רעסטוראנטן, און מאוויס זענען גוי'איש, וואו זאלן מענטשן גיין פאר אונטערהאלונג?**

## ענטפער:

קומט דא אהער און איך וועל אייך לערנען א לעקציע. ווי גוט די וועלט איז! אהה! עס שטייט **"והנה טוב מאד!"** – די גאנצע וועלט איז גוט. אויב איר וואלט זיך נאר געלערנט צו שפאצירן און הנאה האבן פון לעבן בשעת'ן שפאצירן! מען שפאצירט יעצט אין די הערבסט סעזאן און בשעת די פיס גייען דורך די בלעטלעך, מען שטויסט די בלעטלעך אויפ'ן סיידוואלק. איז עס נישט קיין "פאן"? מען אטעמט אריין די קילע, פרישע הערבסט-לופט און מען זעט די הערליכע קאלירן פון די בלעטער און מען טראכט אז יעדעס בלעטל וואס פאלט אראפ פון בוים איז א נס. פארוואס איז עס אראפגעפאלן? איר מיינט דאס בלעטל איז מיד געווארן און צום סוף אראפגעפאלן?

ווען א בלעטל פאלט אראפ פון בוים איז עס א נס. ספעציעלע אפרייס-צעלן אנטוויקלען זיך ביים עק פונעם שטענגל, און די צעלן טוען א העכסט-צוזעקפולע ארבעט אראפצורייסן דאס בלעטל פונעם צווייג. ווען עס פאלט, איז עס א נס! **א וואונדערליכע נס פון פון פונקטליכקייט!**

פארוואס טוישן די בלעטער קאלירן אין הערבסט? ווייל זיי דארפן אונז לאזן וויסן אז די צייט לויט פארביי, אז מיר גייען נישט לעבן פאר אייביג. און אפילו נאך וויכטיגער, זיי דערציילן פאר די מאקאשלעך – יאגט אייך אונטער און באגראבט אייערע ניסלעך, ווייל דער ווינטער קומט שוין. און בשעת די מאקאשלעך באגראבן די דעמב-ניסלעך, פלאנצן זיי איין די צוקונפטיגע דעמב-ביימער (●ak Trees) פאר אונז. "ועזבו לאחרים חילם" – די מאקאשלעך מיינען אז זיי באהאלטן עס פאר זיי צו עסן, אבער אסאך מאל וועט נישט דער מאקאשל דערלעבן ביז די פרילינג, און יעצט הייבן די ניסלעך אן צו שלאגן ווארצלען און אזוי וואקסן די דעמב-ביימער.

און ווען מען שפאצירט, באמערקט מען ווי זומען פאלן צו דער ערד מיט 'פליגלען' באהאפטן צו זיי. אלע סארט פארשידנארטיגע מאשינעריי וואס מאכן די זומען זאלן פליען, פארשידענע סארט פאר פארשידענע זומען. וויאזוי האט דאס פאסירט אז די בוים האט די חכמה צוצושטעפן פליענדע 'גליידערס' צו די קערנדל, אז זי זאל קענען אוועקפליען פון די מאמע-בוים כדי זי זאל נישט דארפן קאנקורירן מיט די מאמע-בוים פאר לעבנ'ס-מאטריאלן? אנשטאט פאלט עס אראפ אויף אן אפענע פלאץ און עס וואקסט א נייער בוים.

און בשעת מען שפאצירט אין די הערבסט און די מחשבה ווערט אנגעפילט מיט די חכמה וואס מען זעט **איבעראל ארום זיך**, אטעמט מען אויך אריין די פרישע לופט. עס איז נישט הייס יעצט. עס איז נישט קאלט. דאס איז די צייט פון יאר ארויסצונעמען דאס מערסטע פונעם לעבן.

אודאי, אויב איר וועט מיר פרעגן אין די פרילינג, וועל איך אייך זאגן וויאזוי אויך דעמאלטס ארויסצונעמען דאס מערסטע פונעם לעבן... אין די זומער וועל איך אייך אויך זאגן וויאזוי אויסצונוצן דעם לעבן צום מאקסימום. עס איז אלץ גוט. ניסן איז גוט און אייר איז גוט, סיון איז גוט און תמוז איז גוט און אב איז גוט. **"וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד!"** – דער אויבערשטער האט געזען אז אלעס וואס ער האט געמאכט איז גוט.

ווען מענטשן לערנען וויאזוי הנאה צו האבן פונעם לעבן, וועלן זיי זען ווי נאריש עס איז צו גיין צו א מאווי. איך זאל מיך ארייננשטיפן אין א מאווי וואו ס'איז נישט דא קיין פרישע לופט און עס קאסט אויך געלט און מיין אויגן מאכן א סעודה אויף גארבעדזש? הכל הבל!

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

מען גייט צו א פלאץ פון עסן פאר אונטערהאלטונג? פארוואס זאל מען ארויסגיין עסן? איר מיינט אז די רעסטוראנטן קענען געבן עפעס עסן וואס איז בעסער ווי דאס וואס איר האט אין אייער אייגענע קאך? רוב עסן אין די רעסטוראנטן - דארפט איר וויסן - איז נישט אזוי ריין ווי די עסן אין אייער הויז. אסאך מאל, די מענטשן וואס ארבעטן דארט, ווען מען זעט נישט נעמען זיי ארויס די פיש פונעם גרויסן טאפ מיט זייערע הענט און זיי לייגן עס אויף א טעלער אייך צו סערווירן, און זיי ווישן זייער נאז מיט די זעלבע הענט. גיי אריין הינטער די סצענע אין די רעסטוראנט קיך – איר וועט שוין קיינמאל נישט עסן מער דארט...

וואס מיינט ארומפארן? איך האב שוין אסאך מאל געזאגט. ווען מען פארט קיין האנג-קאנג צו א האטעל, צאלט מען אסאך געלט צו זען גרעסערע קאקערעטשעס ווי מען האט נאר סיי-ווען אמאל געזען אין די אייגענע הויז... און מען כאפט אויך איבער פרעמדע דיזיזעס. און דעריבער, איז **אלעס בלויז דמיון**. אלעס פארקויפט זיך – מענטשן פארקויפן דעם שקר און מען באצאלט נאך דערפאר. מען צאלט און צאלט און מען קומט צוריק אויסגעקלאפט. אסאך מאל קומט מען צוריק קראנק. מענטשן קומען צוריק קראנק. זיי האבן דיזענטעריע. זיי באקומען געלע הויט. איך האב געהאט פעלער ווען מענטשן זענען צוריקגעקומען מיט קרענק; אבער זיי ווילן דאך באקומען די ווערד פון זייער געלט, וועגן דעם רעדן זיי זייער גאנצע לעבן ענטוזיאסטיש איבער די גוטע צייטן וואס זיי האבן געהאט ווען זיי זענען געווען אויף יענע פלעצער...

דאס לעבן איז פול מיט אמת'ע, כשר'ע הנאות און גשמיות. אודאי, דאס לעבן איז נישט פאר דעם אליין, אבער עס איז מעגליך צו לעבן גליקליך אן אויסגעבן א ניקל. (טעיפ 432#)

## שאלה

**א רעגנבויגן איז א נאטירליכע ערשיינונג. אויב אזוי, וויאזוי דינט עס אלס אן "אות ברית"? א סימן אז עס וועט מער נישט זיין קיין מבול?**

## ענטפער:

די רעגנבויגן איז א רעזולטאט פון נאטירליכע סיבות. ווען די זון שיינט דורך רעגן-טראפן, מאכט עס אז די זון-שטראלן זאלן זיך צעטיילן אין פארשידענע חלקים. זון-ליכט איז צאמגעשטעלט פון פארשידענע קאלירן, פארשידענע טיילן. ווען די זון-שטראלן גייען דורך א פריזם, צעטיילן זיך אלע קאלירן פון די ליכטיגקייט און עס קומט ארויס פון די אנדערע זייט – געל, פוירפל, בלוי; אלע סארט קאלירן. די זעלבע ווען עס שיינט דורך רעגן-טראפן, איז נאטירליך אז עס געשעט א רעגנבויגן.

די פראגע איז, אויב איז דאס ערווארטעט ווען די זון שיינט נאך א רעגן און די טראפן זענען נאך אין די לופט, וויאזוי קען עס דינען אלס א צייכן?

און דער ענטפער איז אז מיר לערנען דא א וויכטיגער יסוד וואס מיר גייען אפלערנען, אז אפילו זאכן וואס זענען נאטירליך, האבן א מעסעדזש פאר אונז.

ווען הקב"ה האט באשאפן די וועלט פון בראשית, ער האט באשאפן די וועלט אין 6 טעג - נישט זעקס מיליאן יאר - נאר 6 טעג, און ער האט דעמאלטס געמאכט אז די נאטור פון די זון זאל האבן פארשידענע סארט פון ליכטיגקייט. "יהי אור", די זון-ליכט האט פארשידענע סארט ליכט, און די ליכטיגקייט ווען עס גייט דורך א פריזם אדער רעגן-טראפן, איז ערווארטעט אז די קאלירן זאלן ארויסקומען און אויסקוקן ווי א רעגנבויגן, און דער אויבערשטער האט עס דעמאלטס געמאכט מיט די **כונה** אז ווען די צייט וועט קומען, וועט די רעגנבויגן ערפילן פיל א **גרעסערן** ציל: עס וועט דעמאנסטרירן די חסד פון השי"ת אין דער וועלט.

דער אויבערשטער האט געהאט אין מחשבה פון אנהייב אן אז ווען עס וועט זיין א רעגנבויגן, טראצדעם וואס עס איז א נארמאלע זאך, וועט די רעגנבויגן דינען אלס אן אות ברית, א צייכן פונעם אויבערשטנ'ס ליבשאפט צו זיינע ברואים; אז ער וועט מער נישט פארניכטן די גאנצע וועלט.

מיר זעען דא א יסודות'דיגער און גאר וויכטיגער לימוד. ווען מיר זענען נאטירליכע ערשיינונגען וואס מיר פארשטייען קלאר וויאזוי זיי פאסירן לויט די חוקי הטבע – אעפ"כ קענען מיר און מיר דארפן אויך ארויסלערנען **פיל גרעסערע** לימודים וואס עס קומט אונז לערנען. די טיפערע פארשטאנד איז אין צוגאב צו די פשוט'ע פונקציע וואס דער ערשיינונג טוט אינערהאלב די חוקי הטבע.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב